NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13173

FARVOS DER VALFISH HOT AZA BREYTN HALDZ?

Moishe Nadir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

משה נאַדיר

פאַרוואָס דער וואַלפיש האָט אַזאַ ברייטן האַלדז?

פאַרוואָס דער קעמל האָט אַ הויקער?

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

M. Nadir

Dla czego wieloryb ma takie szerokie gardło?

Dla czego wielbłąd ma garb?

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

פּאַרוואָס דער וואַלפיש האָט אַזאַ ברייטן האַלדז?

אינם ים – שוין לאַנג דאָ אין דעם – איז, אַ. ליבלעבן מיינס, געווען אַ וואַלפיש וואָס האָט געטאָן לעבן פון פישפּרעס.

ער האָט געגעסן האַרפיש און נאַרפיש, קרומפיש און שטומפיש, אָקענס און באָקענס, דאַרענקעס און סטאַרענקעס, פלאָטיצעס און קראָטיצעס, קאַרפּן און שטאַרפּן, קורעסלעך און טשורעסלעך, ראַקעס און פראַקעס, שלינקען און שלייען, העכטן און קנעכטן און סאַמע אָמתדיקע שווערד-פיש.

אַלצדינג, וואָס דער ים האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער געגעסן מיטן מויל זיינעם – האַם! אַט-אַזוי-אָ. ביז סוף-כל-סוף איז אין גאַנצן נייענדיקן ים נישט געבליבן מער ווי איין קליין-ברעקל-פּיצל-פישעלע.

און ס'האָט טאַקע, בנאמנות, אַזוי זאָל אונדז גאָט העלפן, ווי מיר זאָגן קיין ליגן נישט, געהייסן פישעלע.

אָט דאָס קליין-ברעקל-פּיצל-פישעלע איז זיך נעשווומען אַ קליין - ביסעלע

הינטערן וואַלפֿיש'ס רעכטן אויער, וואָרים וואָס זיבער איז זיבער זי בע ר ע ר, ווי וואָס ג י ש ט זיבער. פּלוצים האָט זיך דער וואַלפֿיש אַ שטעל געטאָן אויפֿן עק און אַ מאַך געטאָן: „כּבֿיניגעריק". וואָס אויף אײַנציקע ווערטער וואָלט עס געהייסן: „איך בין הונגעריק". און דאָס קליין־ברעקל־פּיצל־פּישעלע האָט געענטפֿערט אויף אַ קליין־ברעקל־פּיצל קולכן: — „נאָבלדיקער און אָי־גוואַלדיקער וואַלפֿיש, האָסטו אַמאָל פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון מענטש־פֿלייש?".

— ניין! — האָט געזאָגט דער וואַלפֿיש, „סעפּעסנוט?"

— שקאָ״ע! — האָט געענטפֿערט דאָס קליין־ברעקל־פּיצל־פּישעלע. — נאָר ס'איז אַ קליין־קאַפּעלע האָפּסעדיק.

נוט! — האָט געזאָגט דער וואַלפֿיש—ברענג מיר אַ פּעסל מענטשן! — און בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער צעפּאַטשט דעם ים מיטן עק—אַז ס'איז אַזש געגאַנגען אַ ווייסער שוים.

— איין מענטש אויף אַמאָל איז גענוג! — האָט געזאָגט דאָס קליין־ברעקל־פּיצל־פּישל — הערזשעמעכאויס! אַז דו וועסט אַ שווים טאָן פּופּציק ברייטציכנם

קיין צפון און פופציק לענגצייבנם קיין מערב (דאָס איז אַזאַ מין פאַרבלענדעניש), וועסטו אויף אַ שווים־ברעט אין מיטן ים, מיט אַ פענמעסערל אין האַנט, אָנגעטאָן אין גאָרנישט נישט, אַ הויזן אין אַ פּאָר דרילעבענע הויזן און אַ פאָר שלייקעס (דו מוזט למען השם נישט פאַרגעסן די שלייקעס, אָ, ליבלעבן מיינס!) טרעפן אַ מאַטראָס, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אַן אונטערגייענדיקער שיף, און וואָס איז בטבע אַ מענטש פון כאַמע הבמה־שבל, קלוג ווי דער טאָג און איז זייער גוט צו עסן".

הכלל, דער וואַלפיש האָט גענומען און זיך אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעלייגט און אַוועקגעשווומען צו די געוויסע פופציק בריטצייבנם קיין צפון און פופציק לענגצייבנם קיין מערב, געשווומען און געשווומען און געשווומען נאָך אַ ביסל, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז וואַנעט ער האָט דער־זען אויף אַ שווים־ברעט אין מיטן ים (מיט אַ פענמעסערל אין האַנט) אַ מאַטראָס, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אַן אונטערגעגאַנגע־נער שיף, און ווי ער זיצט און מאַכט מיט די פיס אין וואַסער – ווייל מיט וועסעס (זיין מאַמעשי, זאָל געזונט זיין, האָט אים אָנגע־

זאָגט, אַז ער טאָר אַזוי טאָן, אַנישט וואָלט ער אַדאַי אַזוי ניט געווען געטאָן, ווייל ער וואָלט ניט געווען געטאָרט!).

איז געגאַנגען דער וואָלפיש און האָט אַן עסן געטאָן די לעפצן זיינע – עס עס צוריקצעוועגט, אַזוי ווייט, אַז ער האָט שיעור־שיעור דערגרונטעוועט זיין איינענעם עק, אַ מאַך געטאָן: האָם! און איינגעשלונגען דעם מאַטראָס מיט האַק און פּאַק און זאַק און טאַק און הויז און בלויז און מעסערל און פּרעסערל – און דאָס איז דער עיקר: די שלייקעס! ער האָט אַלצדינג שיין־ריין־פיין אַריינגעשלונגען אין זיינע וואַרעמע, טונקעלע בויכשופּלעדעלעך אַריין. דערנאָכדעם האָט ער זיך באַלעקט די לעפצן אָט־אַזוי־אָ, און האָט זיך דריי מאָל אַ דריי געטאָן אויפן עק און־זיך צעבלעמעבעט מיט אַ גרויסן געלעכטער.

אַזוי גיך ווי דער מאַטראָס, וואָס איז געווען געפּגרלעך קלוג, האָט דערפילט אַז ער איז אַ פאַרקלעמטער און צעפּלעטשטער, האָט ער אַ פאַרשעמטער און ניט־פאַרקעמטער גענומען שפּרינגען און זינגען, האָפּקען און טאָפּקען, עכצן און קרעכצן, קריכן און שליכן, היכן און ניכן, פלעמען און קלע־

מען, פאַטשן און קלאַטשן, יאָלדעװען און
גװאַלדעװען, בריען און שרײען און געלאַכט
מיט גרינע יאַשטשערקעס (דאָס האָט ער
נאָך אַלעמען ניט באַדאַפט צו טאָן!) אַזױ
אַז דער װאָלפיש האָט זיך געפילט זײער-
זײער-זײער-זײער-זײער-זײער-זײער פריק-
רע. (פאַרגעבט ניט, כ׳בעט איך, די שלײקעס!).

האָט ער גענומען און אַ זאָג געטאָן
צום קלײן-ברעקל-פיצל פישעלע:

„אטאָ-אדער-אָ מענטש איז זײער-זײער-
האָפסנדיק. אַ חוץ דעם טוט ער מיר אין
דער גאַל אַרײן און כ׳מוז עװהאָפּ, שלוקערצן,
װאָס טוט מען?"

— זאָגט אים, ער זאָל אַרױסקריכן! — האָט
געזאָגט דאָס קלײן-ברעקל-פיצל פישעלע.

האָט דער װאַלפיש געפאָלגט און אַרונ-
טערגעשריגן צו זיך טיף-טיף אין האַלדז אַרײן:

„קריך אַרױס-העי, דאָרטן, און לאָז גע-
מאַך. איך שלוקערין, ניט פאַר דיר געדאַכט,
זײער שטאַרק — עװהאָפּ"!

— געמטידײטאַס! - האָט געענטפערט
דער מאַטראָס — ניט געכאַפּט און מאָמיר צײט!
די שװים מיט מיר בעסער צו די װײסע פעלזנ-
ברעגעס פון לולעװלאַנד, װוּ מײן הײם איז,
דערנאָכדעם, הערסטו מיך, װעלן מיר זען!

און ער האָט גענומען טאַפּקען אַון האָפּקען נאָך שטאַרקער ווי פריער.

„טו און פּאָלג!" — האָט געזאָגט דאָס קליין־ברעקל־פּיצל פּישעלע — „איך האָב דיר ווארשיינלעך באַדאַרפט צו זאָגן נאָך פריער, אַז דו האָסט צו טאָן מיט אַ מענטש, וואָס איז אַ געפּערלעכער חכם".

מילא, דער וואַלפיש איז געשוווּמען און געשוווּמען, מיט שופּן און פּליצן, מיט האַק און פּאַק און זאַק און טאַק, אַזוי שטאַרק ווי ער האָט נאָר געקענט — צוליב מ׳שלוקערצן, וואָס ער האָט געשלו־קערצט ביזאַלאַוואַנעט ער האָט דערזען די ווייסע פעלזנברעגעס פון לולעוולאַנד. דאָרט האָט ער גענומען און־במעט ביז צום נאַרטל אַרויפגעשווומען אויף די זאַמדן, פונאַנדערגעעפנט ס׳מויל און אַרונטערגעשריגן צו זיך אין בויך אַריין:

„לולעוולאַנד!! לעצטע סטאַנציע!! דאָ בייט מען דעם צוג פאַר לעקישדאָרף און בעקישדאָרף, פאַר האַרנעבערג, און שטאַרקעמערק, פאַר קבע—"

און ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „קבע", האָט דער מאַטראָס דערלאַנגט אַ שפּרונג

אַרויס מיט הויז און בלויז און—נישטאָ אים

דאָס איז אָבער נאָך ניט דער סוף פון אונדזער געשיכטע.

ס'איז געווען אַזוי: אין דער צייט, וואָס דער גוואַלדיק־קלוגער מאַטראָס האָט זיך געפונען אינם וואַלפיש'ס האַלדז, האָט ער, מיט זיין גרויס קלוגשאַפט, גענומען ס'פּענמעסערל זיינס און צעשניטן ס'שווימברעטל אויף לייסטלעך און גראַטקעס און פון דערפון צונויפגעשטעלט אַ מייז גראַטעקעסטל און עס צונויפגעבונדן [illegible] די שלייקעס (איצט ווייסט איר שוין, צוליב וואָס מיר האָבן אויף אַ מינוט ניט געטאָרט פאַרגעסן די שלייקעס!) און ער האָט דאָס דאָזיקע גראַטעקעסטל אַריינגעשטופּט טיף־טיף אין וואַלפיש'ס האַלדז און אַט־אַזוי־אַט איז עס דאָרט געבליבן שטעקן—נישט אַהין, נישט אַהער.

דערנאָך האָט דער גוואַלדיק קלוגער מאַטראָס זיך אַוועקגעשטעלט און געזונגען אויף זיין אייגן קול:

כאַלעמידן, כאַלעמוידן —
וועסט ניט עסן מער קיין ברויט. —
ניט קיין מענטש און ניט קיין פיש
וועט'ן גרייטן דיר צום טיש.

פאַר דעם קעסטל מיט דער גראַטע –
מוזטו צאָלן ווי אַ טאַטע!

וואָרים דער מאַטראַס איז געווען אַ גוואַלדיק־קלוגער זיננער אויך. דערנאָכדעם האָט ער, ווי מיר ווייסן שוין, זיך אַרויסגע־כאַפּט אין דרויסן אַרויס און איז אַוועק אַהיים צו זיין מאַמעשי, זאָל לעבן, וועלכע האָט אים (ווי כ'איז אונדז באַקאַנט) אָנגע־זאָגט, אַז מ'טאָר נוצן די פּיס פאַר וועסלעס און אַז ס'איז קיין בושה נישט!

שפּעטער אביסל האָט ער התונה געהאַט און ער לעבט זיך אין עושר און אין כבוד ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דאָס געמלעכע קען מען אויך זאָגן פונם וואַלפיש, אַ היין וואָס ער איז, זינט יענעם טאָג, ניט געווען ביים בעסטן געזונט און ניט געקאָנט שלינגען עפּעס אַנדערש ווי בלויז קליינע־קליינע פישלעך (דאָס קליינ־ברעקל־פיצל פישעלע, וואָס האָט אים געגעבן די שיינע עצה, האָט זיך געבאַך געוואָלט ראַטעווען, אָבער ס'איז אַריין אין דער לינ־קער קעל).

און אָט־אָ־דאָס, איז דער סאַמע סוף פון אָט־דער־אָ געשיכטע, ליבלעכבנם מיינע!

פאַרוואָס דער קעמל האָט אַ הויקער?

אָט דאָס, וואָס איך גיי אייך דאָ דער־ציילן, ליבלעבנס מיינע, איז אַ געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי דער קעמל האָט באַ־קומען אַ הויקער.

אין אָנהייב פון די יאָרן, ווען די וועלט איז נאָך געווען יונג און ניי, און די חיות האָבן אָט־ערשט אָנגעהויבן צו טאָן די אַר־בעט פאַרן מענטש, איז זיך פאַרלאָפן, אַז ס'איז געווען אַ קעמל. האָט ער געוווינט אין כאַטע מיטן פון אַ ווילדער וויסטעניש, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן. און אַחוץ דעם איז ער אַליין אויך געווען אַ שטיק ווילדע וייסטעניי.

איז ער געגאַנגען און זיך אַנידערגעזעצט און געגעסן בלומענשטעקנס און דערנער און צימרינגבאַרן און מילכמערן און באַרשט־בלעטלעך – סי'דיר דער רעכטער איינפאַל פון אַ קעמל!

און אַז עמיצער האָט אים געפרעגט וואָס

ער טוט, האָט ער געענטפערט: עו=קר! (אַ לישון=קודש=וואָרט, וואָס דער טייטש דערפון איז: אויסרייסן).

— איך רייס אויס, הייסט עס, פון דר'ערד אָט=אַזוי=אָ: „עו=קר"! און מער גאָרנישט.

איז געקומען צו גיין צו'ן אים, אין אַ מאָנטיק אין דער פרי, עפּעס אַ היה מיט אַ זאָטל אויפן רוקן און אַ ביסל קייען אין מויל און געזאָגט:

— קעמל, אַ קעמל! אַנו, גיב זיך אַ פלינקן דיר און אַ קוי און אַ שפּיי און זיי אַ פערד מיט אונדז אַלעמען צוגלייך!

— עו=קר!—האָט געענטפערט דער קעמל, און דאָס פערד איז אַוועק און דערציילט דעם מענטש.

איז געקומען צו גיי דער הונט מיט אַ שטעקן אין מויל און צום קעמל אַזוי גע=זאָגט:

— קעמל, אָ קעמל! גיב זיך אַ ריר און אַ שפּיר, אַ כאַפּ און אַ לאַפּ און זיי אַ הונט מיט אונדז אַלעמען צו גלייך!

— עו=קר!—האָט געענטפערט דער קעמל, און דער הונט איז אַוועק און דערציילט דעם מענטש.

איז געקומען צו גיין דער אָקס מיט יאָך אויפן האַלדז און געזאָגט:

— קעמל, אָ קעמל! גיב זיך אַ מי און אַ צי, ניי פּאַמעלעך, און שטיל, גיב אומעטיק אַ בריל און זיי אַן אָקס מיט אָקסן גלייך.

— עו־קר! — האָט געזאָגט דער קעמל און דער אָקס איז אַוועק און דערציילט דעם מענטש.

צום סאַמע סוף פון טאָג האָט דער מענטש צונויפגערופן דאָס פערד און מ'הונט און מ'אָקס און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— דריי, אָ דריי וואָס איר זענט! איך האָב אויף אייך רחמנות (די וועלט איז נאָך אַזוי ניי און פריש!) נאָר וויסן זאָלט איר אַז אָט־דאָס „עו־קר־באַשעפעניש" פון דער וויסטעניי וויל נישט אַרבעטן, אַ־נישט וואָלט ער באַצייטנס געווען דאָ מיט אונדז. דעריבער וועל איך אים געמאַך לאָזן און איר דריי, אָ הונט, אָקס און פערד וואָס איר זענט, וועט שוין מוזן אַרבעטן פאַר אים אויך.

זענען די דריי־דאָרטן שטאַרק בייז געוואָרן (ווייל די וועלט איז נאָך געווען אַזוי ניי און פריש!) און זיינען אַוועק און צוזאַמענגערופן אַ מאַסע־מעשה, אַ פּלוידער־

פילדער: זום־זום־געזאַמל און אַ הערדו און אַ האַלטימפּיסק־באַם סאַמע ברעג פון דער ווילדער וויסטעניי און דער קעמל איז זיך נעקומען צו גיין און בשעת־מעשה זיך גע־קייט אַ צימרינגשויט (סאַ'ן איינפאַל אַביסל!) אין גאָרנישט. און האָט זיך צעלאַכט—בלאַ־לאַ!... דערנאָכדעם האָט ער אַ מאַך געטאָן „עו־קו!—און איז זיך אַוועק זיין וועג.

דערווייל - איז אונטערגעקומען דער פּרינץ, וואָס האָט צו־זאָגן (ווי מיר ווייסן) איבער דער גאַנצער ווילדער וויסטעניי (געקומען אויף אַ וויבערוואָלקן – פּרינצן פאָרן שטענדיק אויף וויבערוואָלקנס!) און זיך אַוועקגעשטעלט פלוידערפילדערן, זומזומען און הערדו'ען מיט די דריי דאָרטן.

– פּרינץ פון אַלע ווילדע וויסטענייען!– האָט געזאָגט כ'פערד: – טאָר מען אַרומגיין ליידיק אין אַזאַ שפּאָגל־נייער וועלט?

– פּ ש ט י ז אַך, אַז מ'טאָר נישט!–האָט געזאָגט דער פּרינץ.

– אויב אַזוי־זשע–האָט געזאָגט כ'פערד,

– מוז איך דיר דערציילן, אַדוני פּרינץ, אַז אין סאַמע מיטן פון אונדזער ווילדער ווי־סטעניי געפינט זיך עפּעס אַ באַשעפעניש

מיט אַ האַלדז אין דער הויך- און מיט פיס ביז צו־דער־ערד, וואָס זינט פּראַכטאָגן מאָנ־טיק, ווען די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן האָט ער נישט געטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. ער לאָזט זיך נישט איינשפּאַנען!...

– טעריבים!–האָט געזאָגט דער פּרינץ

– דאָס מוז זיין דער קעמל מיינער! אַזוי וואָר ווי מיך גלוסט צום גאַנצן גינגאָלד פון אַראַבנ־לאַנד. וואָס זאָגט ער דאַצו?

– ער זאָגט „עוקר!"–האָט אַריינגעזאָגט דער הונט– און ער וויל נישט בייסן, נישט רייסן, און טוט דוקא נישט קיין האַווקע.

– וואָס נאָך טוט ער נישט?

– ווייטער האָט ער איין ענטפער אויף אַלצדינג: עוקר – האָט זיך אַריינגעמישט דער אָקס – און פלוג דאַרף ער שלעפּן דעם פלוג און זיך געבן אַ מי און טאָן אַ צי דעם יאָך, יעדן טאָג פון דער וואָך, אָבער ער וויל נישט!

– מנעו!–האָט געזאָגט דער פּרינץ.–איכ'ל אים שוין עוקר'ן און בויקער'ן. איר שטייטס־נאָר און קוקטס–וועט איר עפּעס זעען!

דער פּרינץ האָט גענומען און זיך איינ־געוויקלט אין אַ הויבערווינט און זיך אַ לאָז

געטאָן איבער דער ווילדער וויסטעניי, ביז וואַנענט ער האָט אָנגעטראָפן דעם קעמל, איינעם אַליין, ווייסיך וואָס, אָן אַ שטאָך אַרבעט, און געשטאַנען און געקוקט אויף זיין אָפּשפּיגל אין וואַסער.

— מיין לענגלעכער און הויכלעכער פראַנט — האָט געזאָגט דער פרינץ — וואָס הער איך? דו גייסט גאָר אַרום שלינג-שלאַנג און טוסט נישט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. — אין אָט-אַזאַ שפּאָגל נייער וועלט? פע! בע! נישט שיין!

— עוקר! — האָט געענטפערט דער קעמל.

— וואָס מיינסטו מיט די ווערטער? — האָט געזאָגט דער פרינץ. איך פאַרלאַנג, דו זאָלסט זיך גלייך שטעלן צו דער אַרבעט, נו?!

דער קעמל האָט ווידער געענטפערט „עו-קר!" אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט אַרויס-געזאָגט אָט-די צוויי ווערטער, האָט ער דערזען, אַז זיין רוקן — זיין פיינצונעשניטענער, גלאַטלעכער רוקן, האָט זיך גענומען אויפ-בלאָזן און אויפקאָרטשען און אויסדריכלען — אַלץ העכער, ביזוואַנעט ס׳איז געוואָרן אַ באַלעבאַטישער האָרב.

— זעסטו אַ-דאָס-אָ? — האָט געזאָגט דער פרינץ, — אָט-דעס-אָ האָרב און דעם הויקער האָסטו אַליין אַרויפגעשלעפּט אויף זיך,

ערשטנס, דערפאַר, ווייל דו האָסט נישט געאַרבעט און, צווייטנס, דערפאַר, ווייל דו האָסט אַלע מאָל געזאָגט „עוקר". זינט מאָנטיק, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און אַלע האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, ביסטו אַרומגעגאַנגען ליידיק. איצט, ברודערל, וועסטו מוזן אַרבעטן

– ווי קען איך? מיט אַזאַ צרה אויפן רוקן?

– דאָס איז אומיסנע! – האָט געזאָגט דער פרינץ – דערפאַר ווייל דו האָסט פאַרפעלט דריי טעג אַרבעט. איצט וועסטו קענען אַרבעטן דריי טעג נאָכאַנאַנד, אָן עסן, ווייל דו וועסט לעבן פון דיין הויקער און געזונט און האַלט־ס׳מויל! גיי, זיי מוחל, צו די דריי דאָרטן און זיי, זיי מוחל, אַ פּערטער צו דעם דריטן, ביסט אַליין עוקר! אַ שווער לעבן אויף דיר!

און דער קעמל האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דעם הויקער אויף די פלייצעס און איז אַוועק זיין אַ פערטער צום דריטן, וואָס איז געווען דער דריטער צום צווייטן, וואָס איז געווען דער צווייטער צום ערשטן.

און פון דעמאָלט אָן (ס׳איז שוין אין

דעם אַ שיינע עטלעכע יאָר) טראָגט דער קעמל שטענדיק אויף די פּלייצעס דעם „עוקר" (אָדער ווי מיר רופן דאָס איצט „הויקער", כדי נישט צו באַליידיקן זיינע קעמבלישע געפילן), אָבער ער האָט נאָך אַלין נישט צוריקגעכאַפּט די דריי טעג אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעוואָרן אין אָנהייב פון דער וועלט, ווען דאָס לעבן איז נאָך געווען שפּאָגל־ניי; און אויפפירן זיך לייטיש, ווי אַ פערד, אָדער אַ הונט, אָדער אַן אָקס קען ער נאָך אַלין נישט.

לאָטאָ-שפּיל
„רעטעניש"

צונויפגעשטעלט

פון ש. באָסטאָמסקי

באַמערקונגען צום שפּיל

— און —

ענטפערס צו די רעטענישן

פאַרלאַג
„די נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע

אַבאָנירט אַלע דעם איינציקן 2־וועכנטלעכן
אילוסטרירטן יידישן קינדער־זשורנאַל

„גרינינקע ביימעלעך“

דערשיינט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון
ש. באַסטאָמסקי
דריטער יאָרגאַנג (נאָך דער באַנייונג)

דערשינען אין די יאָרן: 1914, 1915, 1919, 1920, 1921, 1922, באַנייט אין יאָר 1926

די „גרינינקע ביימעלעך“ האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון אַלע פריינד פון יידישן וואָרט און יידישן קינד.

אַבאָנעמענטס־פּרייז:

פאַר פוילן: אַ יאָר (20 נומ.) — 7 ג. אַ 1/2 יאָר — 4 ג.
פאַר אויסלאַנד: אַ יאָר (20 נ.) — 1,20 ד. 1/2 יאָר — 60 ס.

קאָמפּלעטן געבונדענע אין לייוונטענע פּראַכט־בענדער.

I יאָרגאַנג — 6 גילדן (70 סענט)
II „ — 10 „ (1,20 ד.)

אַדרעס פון דער רעדאַקציע־אַדמיניסטראַציע:

S. Bastomski.
Wilno, Stefańska 24, m. 28.